# אפן גרענעץ.

אפן גרענעץ פון יִשעוו און מידבער דרייט זיך עפּעס א ברִיָע א פארשטעלעניש ארום, די וואך און די מידבער־גרענעץ היט, און טאָמיד איז מיט היטן און מיט וואכן באשעפּטיקט.

— וואָס ווארט זי פון דער מידבער?

— עמעצער דארף אָנקומען און זיך באווײַזן פון דאָרט — זאָגט זי.

— ווער?

האלט זי זיך אוף פון זאָגן... אָבער אז מ׳שטייט צו איר צו, א סאָף־טאָג אמאָל, אז פון וואכן און אומגיין איז מיד, און פון לאנגן זיך ארומדרייען און פון אָנגעשטרענגטן ארויסקוקן — שויפארמאטערט; און זי זעצט זיך אף א שטיין דאן צו, און איר פּאָנעם איז פארזאָרגט און מיט טרויער צו דער מידבער געווענדעט; אז מ׳טרעפט זיך דאן בא איר און מ׳לאָזט זיך צו איר שטיין און צו איר צופוסנס אראָפּ און מ׳טוט בא איר — „אף וועמען ווארט זי״ — א פרעג, — ארויסדרייען דרייט זי זיך דאן מיטן פּאָנעם צום פרעגער, מיט אירע אויגן טוט אפן פרעגערס פּאָנעם און אף אים איינגאנצן א קוק, און דאן, אָפּקוקנדיק, קערעוועט זיך ווידער צו דער מידבער אויס, קערעוועט זיך אויס און ס׳זאָגט ארויס פון איר:—

— אף וועמען ווארט איך? אפן קעמל מיט די צוויי האָרבעס פון דער מידבער.

— און וואָס ברענגט מיט זיך דאָס קעמל?

— נישט קיין רײַטער און נישט קיין צוים־האלטער. נישט קיינע סכוירעס און קיינע נישט מאסאָעס, נאָר צוויי ליכט אף די האָרבעס...



— וואָס הייסט עס?

דאן דערציילט די ברִיָע:—

— ווײַט אין דער מידבער איצט, אונטער איינעם א זאמד־בארג א ריזיקן, וווינט א ריז און א לעצט־פארבליבענער. געשווירן האָט זיך דער ריז, ער ווועט דעם וועג צוריק צו זײַן עלטערן־שטאם געפינען, ער וועט אויך זייערע געטער און זייערע טעמפּלען אויסגראָבן, ער וועט זיי אומקערן און זייער מעמשאָלע אופשטעלן. האָט ער שוין אָבער א האלבע וועלט אף גיין געפאטערט, און ביז ער האָט זיך אין דער מידבער געטראָפן, און ביז ער האָט זיך צו יענעם בארג צוגעשלאָגן... און זאָגן האָט מען אים געזאָגט, אז אף יענעם בארג האלטן זיך אוף די געטער, און דערציילן האָט מען אים דערציילט, אז אין א פארנאכט אמאָל, ווען דער בארג פארטונקלט און מיט נאכט פארבלאָזן ווערט, פאר א שטורעם און פאר א נאכטישן אין דער מידבער, קאָן מען זיי אפן הויכן שפּיץ, אף זייערע שטעקנס אָנגעשפּארט און אין זייערע מאנטלען אײַנגעהילט, זען. האָט ער זיך באזעצט פונונטן און לאנג ארופגעקוקט אפן בארג. האָט ער זיי נאָך ביז איצט נישט געזען. און גארן גארט ער זיי און ווארטן ווארט אומגעדולדיק, און אלע פארנאכט פארן בארג און פאר זײַן צופוסנס קניט, דעם קאָפּ ארוף און צום בארגס הייך פאריסן, און ער קוקט זיך זײַנע אויגן אויס, און קיין שאָטנדל גייט נישט פארבײַ זײַנע אויגן, און קיין מינדסטער ריר ווערט פון זײַן געהער און פון זײַן אויער נישט דורכגעלאָזט. האָט ער אָבער זיי נישט געזען און נישט געהערט א צײַט. נאָר איינמאָל, אין אָן אָוונט אמאָל, נאָך לאנגן קנִיען און נאָך לאנגן קוקן אָנשטרענגטן, האָט פון שפּיץ פון בארג און פון זײַן העכסטער הייך א קאָל דערהערט, און דאָס קאָל האָט אזוי געזאָגט:—

— „ריז, דו וועסט דײַן געטערס מעמשאָלע נישט אומקערן און דײַן פאָטערס שטאם נישט געוועלטיקן מאכן, ביז דו וועסט דיר נישט קיין פּאָר געפינען און ביז דו וועסט נישט פון זיך און פון איר א נײַעם דאָר אופשטעלן״...

האָט עס אויסגעהערט דער ריז, האָט ער זיך פארטראכט: און ווו זאָל ער זיך א פּאָר געפינען, אז פון ריזן־שטאם איז ער

דער לעצטער, און צו וועמען וועט זיך ווענדן, אז דער מין זײַנער איז שוין אויסגעשטאָרבן, און אין ייִשעוו איז מען נישט גלײַך צו אים, און אין ייִשעוו האָט מען אף אים, ווי אף אן אָנגעשעעניש און ווי אף א ווילד־קאדמוינים איבערבלײַב געקוקט... און אז ער איז דעם ייִשעוו דורכגעגאן, האָט ער מיטן קאָפּ די זון פון ייִשעוו פארשטעלט, און אז ער האָט דורך דעם ייִשעוו דורכגעשפרײַזט, האָט ער מיט זײַנע פיס כורבוינעס און אומגליקן אָנגעמאכט: און וועלדער און ביימער האָט ער אוועקגעלייגט, און שטעט און פעלדער האָט ער צעטראָטן, און מענטשן האָט ער צו מילבן געמאכט, און מענטשן האָבן זיך פאר אים אין ערד־לעכער און אין שטיין־שפאלטן פארשטעקט. האָט ער אזוי געטראכט, און צו וועמען זאָל ער זיך ווענדן, און בא וועמען זאָל ער אן אייצע פרעגן, און דאָס קאָל פון בארג האָט זיך דאָך נאָר איינמאָל גערעדט, און דאָס קאָל פון בארג האָט ער שוין מער פון דאָרט נישט פארנומען. איז ער אין גרויס צאר געוועזן. און אף אלע זײַטן אין דער מידבער האָט ער זיך ארומגעזעען: און עפשער וועט עמעצער דאָך צו אים קומען, און עפשער וועט זיך עמעצער דאָך פון דערווײַט באווײַזן. איז אָבער די מידבער—מידבער און מער נישט געוועזן, איז ער אזוי עלנט אף זײַן אָרט געזעסן און די אויגן צו דער ווײַטקײַט געהאלטן, האָט ער אויסער זיך נישט געפונען ארום זיך גאָרנישט, און אויסער האָריזאָנטן און הימלען אף זייער ווײַט—קיין פויגל נישט באמערקט. האָט ער ווידער געוואַרט א צײַט, ביז איינמאָל און ווי ער איז אזוי פארזאָרגט געזעסן, און פארשאַרט און פארומערט געוועזן, אזוי האָט ער פון דער הייך און איבערן קאָפּ בא זיך עפּעס פליגל און א גערויש דערהערט. האָט ער דעם קאָפּ אופגעהויבן, האָט ער דערזעען: — א פויגל און פון א פארנעם א היפשן האָט הויך און איבער דעם קאָפּ זײַנעם א ראָד געמאכט, ארום־און־ארום געשוועבט און ווי אין אן אָנגעצייכנטן קרײַז זיך געהאלטן, און דאן, און זיך אראָפּגעלאָזט פון דער הייך, זיך פארהאלטן נידעריק און שטיין געבליבן פון שוועבן. און דער פויגל האָט אויסגערופן:

— „ריז, נישט געזאָרגט און נישט געטרויערט, דײַן פּאָר איז דיר שוין אָנגעגרייט, דײַן פּאָר וואַרט שוין אף דיר, אָבער דײַן



פּאָר איז זייער ווײַט פון דיר, און צו איר, און צום אָרט, ווו זי געפינט זיך, וועט דיך אָט דער בריוו פירן“...

און דאָ האָט דער ריז פונעם פויגל און צו די פיס פאר זיך א בריוו אראָפּפאלן געזעען, א פארמאכטן און א פארזיגלטן, און ער איז אף דער ערד אראָפּגעפאלן. האָט ער זיך אָנגעבויגן און אים אופגעהויבן, האָט ער אים אופגעכאסמעט און אין אים לייענען גענומען, און אָט וואָס דער ריז האָט דאָרט אויסגעלייענט:

„צום לעצטן פון די ריזן, ווו ער זאָל נישט זײַן און ווו ער זאָל זיך נישט געפינען, — צי אפן יאם, צי אף יאבאָשע, צי אין ייִשעוו, צי אין דער מידבער, — פיל שאָלעם, בראָכע און טײַערקײַט! צו־וויסן געבן קומען מיר אים, אז אפן עק פון דער מידבער, דאָרט ווו די וויסטעניש קומט צום יאם שוין צו, אף ברעג און אף שטיינער דאָרטיקע, איז אונדז א איבערבלײַבונג און נאָך פון אמאָל פארבליבן. און געקעניגט האָבן דאָרט אונדזערע עלטערן לאנג, און ביז זיי זײַנען אויסגעשטאָרבן, און ביז זיי האָבן זיך איינס דאָס אנדערע אין געשלעגן אויסגעראָטן, איז אונדז איצט פון גאנצן ריזן־שטאם נאָר איינע א טאָכטער פארבליבן; און וווינען וווינט זי אין טורעם אין אלטן, מיט די דרײַ פענצטער, וואָס איינס איז צום יאם געווענדעט, דאָס צווייטע צו דער יאבאָשע, און דאָס דריטע — הויך און צום הימל אויבן. און זאָגן האָט זי צו זאָגן, און הערשן הערשט נאָך איצט: אף דער וואסער און אף די פיש פון וואסער—אין יאמים, אף ערד און אף בעהיימעס און כײַעס פון ערדן—אף יאבאָשעס, און אף ווינטן און שטורעם־ווינטן און אף אלערליי פויגלען—אין דער לופט פון אויבן. און אלע הערן זיך צו איר צו, און אלע באפוילן פאָלגן, און זי אליין אירע געטער פאָלגט און זייערע געבאָטן היט. האָבן איר די געטער געזאָגט: וואָס וועט זי זיצן און וואָס וועט זי אויסזיצן, אז איזן איז די לעצטע, און דער קייסער־טורעם האלט אין אלט ווערן, און קיינער פאריכט אים נישט, און אין זײַנע ווענט האָבן זיך שוין האָלץ־ווערים באוויזן, און אומעטום איז שוין געלעכערט... און איזן איז זי יונג, אָבער איר יוגנט גייט אומזיסט אוועק, און איר לײַב איז קרעפטיק, און פון איר מוטער־

לײַב קאָן א ריזן־דאָר ארויסקומען. האָבן זיי איר געײַצעט: אזוי ווי זיי ווייסן און אף זיכער, אז א ריז איז נאָך פארבליבן — צי אף יאם, צי אף יאבאָשע, נאָר ערגעץ איז פאראנען, און אויך ער איז אין איר לאגע, און אויך ער איז דאָרט אן איינציקער, און גארן גארט א צווייטע העלפט, און זוכט און האָט קיין פּאָר נישט—זאָל־זשע זי אים אָפּזוכן און צו זיך אין טורעם ברענגען...

האָט זי געפאָלגט די געטער, האָט זי זיך צו אלע פויגלען און צו די פלינקסטע און צו די געניטסטע געווענדעט, האָט זי זיי פאַרגעלייגט און געפרעגט: ווער וועט זיך דעם ריז נעמען אָפּזוכן? האָט זיך איינער און דער געשיקטסטער אַרויסגערופן, ארויסגערופן און אף זיך דאָס שליכעס גענומען. האָט אים די קייסער־טאָכטער א בריוו מיטגעגעבן, אף דער וועלט צו פליִען און דעם ריז אָפּזוכן, אף יאמים און אף יאבאָשעס — און קיין אָרט זאָל נישט פארפעלן — און אָט צו דיר, וואָס דו לייענסט איצט דעם בריוו, און אָט צו דיר, פאר ווען ער איז איצט צו די פיס געפאלן, איז ער פון דײַן איינציקער פּאָר און פון דער ריזן־טאָכטער באשטימט, און די ריזן־טאָכטער זאָגט: קום צו מיר... ליבע און טײַערקײַט ווארט אף דיר, און אף דײַן קומען, אף דיר דעם איינציקן און אף דיר דעם געווארטן פון לאנג".

אָפּגעלייענט, האָט דער ריז דאן נאָכאמאָל ארום און צום פויגל־אָרט זײַן קאָפּ אופגעהויבן, איז דער פויגל ווידער אף יענעם אָרט און ארומשוועבנדיק געווען, האָט זיך צו אים געווענדעט דער ריז און בא אים אזוי געפרעגט:

— און ווי אזוי קומט מען צו דער ריזן־טאָכטער?

— מיט די פיס.

— און ווּ אהין זאָל איך מײַן וועג אָנריכטן?

— אהין, ווּהין דער פויגל וועט אָפּפליִען.

און דער פויגל האָט זיך פון זײַן נידעריק־האלטן אין דער הויך אופגעהויבן און נאָכאמאָל עטלעכע רעדער ארום ריז און ארום זײַן קאָפּ געמאכט, און דאן, און אָפּרעדלענדיק, האָט זיך צו איינער א זײַט און צו א האָריזאָנט איינעם אוועקגעלאָזט און — ארוועקגעפלויגן. האָט זיך דאן אויך דער ריז פון זײַן זיץ־אָרט אופגעשטעלט און מיטן פּאָנעם אהין, ווּהין דער פויגל איז



אָפּגעפלויגן, זיך געווענדעט, און דאן, און פארן ערשטן פוס אוועקשטעלן, האָט זיך צום לעצטן מאָל צום בארג אויסגעדרייט: צו זײַן הייך און שפּיץ א קוק געטון און אזוי געזאָגט צום בארג,

— בארג, איך זאָג צו, און כ׳באשווער זיך: אזוי ווי איך האָב דאָ אונטן און בא דײַן צופוסנס גערוט, אזוי וועל איך פון אויבן און אף דײַן העכסטער הייך מײַנע געטער רוען מאכן, און איך זאָג אויך צו און גיב א ניידער, אז דער ערשטער זון, וואָס וועט געבוירן ווערן, דאָס ערשטע קינד, וואָס וועט פון מײַנע לענדן ארויסגיין, וועט צו דיר פאר א נאָזיר אָפּגעגעבן ווערן, פארן ערשטן קויהען און געטרײַסטן דינער צום בארג...

אָפּגעזאָגט, און דער ריז האָט דעם ערשטן פוס אוועקגעשטעלט — דער ריז האָט איין טאָג גאנג געמאכט, דעם צווייטן פוס—א צווייטן טאָג גאנג, נאָכאמאָל דעם ערשטן — און דער ריז האָט זיך אין דער מידבער־מיט אין עפּעס א געצעלט אָנגעשלאָגן... פון שטעקנס און פון דרענגלעך און פון לײַלעכלעך און שמאטעס... און דאָס גאנצע געבײַ האָט שוואך־סוקעדיק און בא דער ערד אויסגעזעען, און אין מיטן דער מידבער און אין גרויסן עלנט פון דער מידבער גרויס ראכמאָנעס געוועקט... איז דאָס געצעלט אָבער זייער קליין געווען, וואָלט דאָס דער ריז נישט באמערקט אפילע, האָט זיך אָבער פון דער טיר און פון דער לאָך פון געצעלט עפּעס א מענטש ארויסגערוקט, אן אײַנגעבויגענער און ווי פון דער ערד אופגעאנגען. און אײַנגעהילט איז דער מענטש געווען און מיט א טונקעלן מאנטל פארוויקלט, און פון קאָפּ ביז די פיס אינגאנצן, און קיין פּאָנעם און קיין אויגן נישט ארויסגעזעען. האָט אים דער ריז דערזעען, האָט ער זיך פארכידעשט: ווער קאָן דאָס זײַן און וואָס טוט ער אין דער מידבער דאָ? — האָט ער זיך אראָפּגעבויגן, האָט ער אראָפּגערופן און אויסגעשריגן:

— ווער איז דאָרט?

— דער קרעציקער—האָט א קאָל פון דר׳ערד, א פארדומפּנס, א שוואכס און פון אונטערן מאנטל־פארוויקלטקײַט אָפּגעענטפערט.

— און וואָס טוט ער אין דער מידבער דאָ?

— אין יִשעוו איז קיין אָרט פאר אים.

— און פונוואנען קומען די קרעץ צו אים?

— פון דער ריזן־טאָכטער, וואָס אין עק מידבער וווינט.

— וואָס רעדט ער?

— זאָל ער זיך צו אים אָנבויגן, זאָל ער זיך צו אים צובויגן, ער האָט קיין קויעך נישט, ער קאָן נישט הויך שרייַען...

און דער ריז האָט זיך צו אים אָנגעבויגן און א האלבן קערפער און דעם קאָפּ צו אים אראָפּגעלאָזט, און דער קרעציקער האָט אָנגעהויבן, און דער קרעציקער האָט אזוי דערציילט:—

— באם עק מידבער און באם ברעג פון יאם איז א פאלאץ פאראן, וווינט דאָרט א ריזן־טאָכטער א לעצטע, פון אלטן ריזן־שטאם א פארבליבענע, — וווינט אן עלנטע און האָט קיין פּאָר נישט. גייט איר יוגנט אין אומעט און אין איינזאַמקייַט פארבייַ, פארברענגט זי עלנט און מיט די ווענט די צייַט, דרייט זיך ארום און האָט קיין פריידן נישט, פון טאָג ביז נאכט, און ווייס ניט וואָס צו טון מיט זיך... איז איר אָבער ביערושע מאכט פארבליבן, האָט זי נאָך ביז הייַנט צו טאָג אף אלע פויגלען צו זאָגן, הערן זיי זי, ווי אירע עלטערן אמאָל, הערן, דינען זי און אירע באַפוילן פאָלגן. האָט זי זיי צונויפגערופן און דעם בעסטן און דעם געשיקטסטן געשיקט, זאָל ער גיין און זאָל ער פליִען און זאָל ער פון עק וועלט איר איר באשערטן און איר ריז ברענגען. איז ער געפלויגן און געפלויגן, האָט ער געזוכט א צייַט און קיינעם נישט געפונען, און לעסאָף און אהיים זיך שוין אומקערנדיק, האָט זיך מיט מיר און אין וועג זיך געטראָפן. בין איך דאן יונג און אויך א ריז געוועזן, און אויך איך האָב מייַן פּאָר געזוכט, און אויך איך דאן — מייַן צווייטע העלפט. בין איך אים געפעלן געוואָרן, האָט ער מיר פאָרגעלייגט און זייַן הארנטע אויסגעליבט, האָט ער מיר פון איר פיל דערציילט, און פון איר לעבן און פין איר עלנט אין פאלאץ — בין איך באשטאנען און נאָכן פויגל זיך געלאָזט, בין איך צו איר געקומען, צו איר יוגנט און צום וווינונג אירן, און ליב פון איר אופגענומען געוואָרן, האָב איך זיך באזעצט בא איר און א צייַט בא איר אָפּגעוועזן, האָב איך זיך באקאנט מיט איר און איר מאן און איר האר ווערן



געגרייט זיך... בין איך לעסאָף אויך איר מאן געוואָרן. און געוועזן איז דאָס א באנאכט אמאָל, און א לעוואָנע האָט דאן אפן הימל און אפן יאם געהערשט, און די לעוואָנע האָט דאן אויך צו אונדז אין פענצטער אריַינגעשייַנט, און איך בין מיט איר איינעם געוועזן, און אויסער אונדז אין פאלאץ קיין בריִע. האָב איך זי דאן דערזעען: בא דער לעוואָנע און אפן בעט ליגנדיק, און איך האָב זיך דערשראָקן. און זי האָט געשוויגן און שטיל נאָר מיט די אויגן געקוקט, און אירע אויגן זייַנען קאלט געוועזן און דאָס פּאָנעם אירס פארטראכט דאן, און אינגאנצן ווי נישט קיין דאָרטיקע, און מיך ווי נישט באמערקט גאָר... האָב איך זיך דאן געווענדעט צו איר און בא איר א פרעג געטון: וואָס טראכט זי און וואָס איז בא איר אפן זינען? — האָט זי מיר נישט געענטפערט. האָב איך זי נאָכאמאָל געפרעגט: וואָס איז מיט איר און וואָס זעט זי אויס אזוי, און פון וועמען איצט טראכט זי? — האָט זי מיר אָפּגעענטפערט: „פון אן אנדערן און א בעסערן און נישט פון דיר, וואָס דו ליגסט דאָ“...

— וואָס הייסט—האָב איך בא איר געפרעגט.

— אזוי!—האָט זי אף מיר נישט קוקנדיק און ווי נישט ווילנדיק געענטפערט.

— פארוואָס?

— דו ביסט קליין און קרעציק.

און בעעמעס: ווי איך האָב זיך נאָך אירע ווערטער ארום זיך ארומקוקן גענומען, אזוי האָב איך דערזעען: ווי קליין און נישטיק בין בא א זייַט בא איר און ווי א איבעריקער געלעגן, ווי א נישט־באדארפטער און א פרעמדער און ווי פון עמעצן דאָ איבערגעלאָזט געוואָרן; און זי איז שיין געוועזן און אן אומגעווינלעכע רו דאן פארמאָגט, און זי איז שטיל געלעגן און איך בא דער זייַט פון איר און דערצו נאָך מיט עפּעס א קרעציקייַט אזא באדעקט... בין איך אופגעשפרונגען, בין איך פון בעט אראָפּ און זי ליגן געלאָזט. האָב איך נאָך אף איר א קוק געטון און איר גלייַכגילטיקייַט און איר פארפרעמדקייַט געזעען, און איר מיִעס־געפיל און איר אלץ־איינס־צו־זייַן צו מייַן אראָפּגיין. האָב איך זי נאָך באטראכט א ווייַלע, באטראכט און באלד פארשטאנען: א

מאכשייפע! א מאכשייפע האָט מיך באהערשט!.. בין איך באלד ארויס פון צימער, בין איך דאן אויך פון פאלאץ ארויס און אונטערן פרײַען הימל געקומען, בין איך צום יאם דאן צוגעגאן און פאר אים און פאר זײַן לעוואָנע־הערשאפט זיך געשטעלט. האָב איך דערזעען דעם יאם: באם ברעג און דאָרט, ווו די וואסער נישט טיף איז נאָך, איז א קעמל און מיט אלע פיר אין וואסער געשטאנען, ביז די קניִען אין וואסער און דעם קאָפּ פאַריסן, און שטיל און אזוי קוקנדיק, האָט נישט מיטן מויל געקײַט, און נאָר מיט זיך און ווי מיט עפּעס א מאכשאָווע פארנומען געווען. בין איך צוגעגאַן צום קעמל, האָב איך אים אין מײַן עלנט, ווי א פרײַנט געפונען, און אין מײַן צאר דעם דעמאָלטיקן — א נאָענטן אין וואסער. האָב איך זיך געווענדעט צו אים און אים אזוי געפרעגט:—

— און וואָס מיינסטו, קעמל?

— כ'מיין, ס'איז נישט דאָס ערשטע מאָל, כ'מיין, ביסט נישט דער ערשטער אירער.

— איז וואָס טון?

— אין דער מידבער אָפּגיין.

— און וואָס?

— און אנדערע אזוינע ווי דו, זאָלסט פון וועג און פון אהער־צו־גיין אומקערן.

און איך האָב געהערט דאָס קעמל, און איך האָב זיך דעם אפּן רוקן ארופגעזעצט, האָט דאָס מיך פון יאם' און פון ברעג אָפּגעפירט און אפּן זאמד ארופגעהויבן, האָט דאָס מיך דערנאָך אין דער מידבער געבראכט, האָב איך זיך דאָרט אין געצעלט באַזעצט, באזעצט און אלע דורכגייענדיקע און אלע אהין־זיך־לאָזנדיקע פון אהין־צו־גיין וואָרן — און דאָס אינגאנצן.

און דער קרעציקער האָט זײַן דערציילן פארענדיקט, און דער קרעציקער איז שטיל אזוי אונטער זײַן מאנטל־אײַנגעהילטקײַט געבליבן, און אזוי און אנשוויגן־ווערנדיק, פארשטעלט און מיט קאָפּ אראָפּגעלאָזטן, האָט מיט קערפּער און מיט שטיין שטומען אפּן ריז און אף זײַן איבער־אים־שטיין געווארט.

— און וואָס זאָל איך איצט טון, זאָגסטו?



— נישט גיין.

— און דער פויגל, וואָס רופט?

— איז פון אירע שעליכים.

שטיל און אייניקע מינוטן, און דער ריז האָט זיך דאן פון זײַן אָנגעבויגן־שטיין אופגעשטעלט, און דעם קאָפּ צום האָריזאָנט און אהין, ווו דער פויגל איז אוועקגעפלויגן פריִער, געקערעוועט. האָט ער אים געזוכט און מיט די אויגן אים אויסגעזעען, איז ער נישט געווען און פון ערגעץ זיך נישט באוויזן, איז דערנאָך אזוי א שטיקל צײַט פארבײַ. איז ער פון ווײַט צוריק צו פליִען געקומען, אָנגעפלויגן און ארום ריז זיך דרייען גענומען.

— און וואָס האָסטו געוואָלט, ריז?

— דעם עמעס וויסן.

— פון וואָס?

— פון דער ריזן־טאָכטער און פון דײַן שליכעס.

— ס'איז עמעס.

— און דער קרעציקער וואָס זאָגט?

— וואָס א קרעציקער קאָן זאָגן.

— און א סימען?

— איז דאָס קעמל.

— ווו?

— אָט!

און דאָ האָט זיך נעבן ריז מיטאמאָל א קעמל שטיין באַוויזן, אין דער מידבער און אין דער מיט, און דעם האלדז ארויף פארהויבן, און קאָפּ און פּאָנעם אנקעגן א הימל־עק אָנגעשטעלט. איז דאָס אזוי פארטראכט געווען, איז דאָס צו עפּעס ווי גרייט געשטאנען, און אזוי און שטייענדיק, און אזוי און גרייט זײַענדיק, האָט ווי אפּן ריז און זײַנע פראגעס, ווי אים צו ענטפערן און ווי אים טשוּוועס געבן, געווארט.

— און וואָס, קעמל, זאָגסטו צום קרעציקן?

— כ'קאָן אים נישט.

— און ווער האָט אים געבראכט אהער?

— נישט איך און נישט מײַן מין — מײַן גלײַכן...

— קרעציקער! — האָט דאַן דער ריז אויסגעשריגן און אפּן קרעציקן און אף זײַן קאָפּ און קערפּער א פּוס א הייב געטון און אים אָנגעגרייט געהאלטן. — קרעציקער!! — האָט ער נאָך העכער זײַן קאָל אופגעהויבן, און אף אים מיטאמאָל און מיט קויעך זײַן פּוס אראָפּגעלאָזט... און דער קרעציקער איז צו נישט געבליבן, און דער ריז האָט אף אים זײַן געצעלט און בײַדל איבערגעקערט און זײַנע שמאטעס און דרעגנגלעך אף אים א מאַציווע אויסגעשיט, און — זאָל ער ליגן, און זאָל ער נישט ליגנערן, און דער ריז האָט זיך ווײַטער אוועקגעלאָזט.

---

און אז דער ריז איז אזוי א טאָג און צוויי אין דער מידבער געגאַן, מיט קיינעם אף זײַן וועג זיך נישט אָנגעשלאָגן, און די מידבער האָט זיך נאָך נישט אויסגענומען און איר אויסגאנג איז נאָך נישט צו זען געווען, האָט ער איינמאָל אין א פארנאכט א דאָרטיקן אפּן וועג זיך אראָפּגעלאָזט, אף דער זאמד זיך אַוועקגעלייגט, און דעם פויגל זײַן באגלייטער, זײַן פירער און זײַן פאָרויס־גייער, צו זיך רופן און אף פארנאכט אים אײַנלאדן גענומען: פויגל, באווײַז זיך!... האָט דער פויגל פון א ווײַטן הימל־עק און פון צוריק פליִען קומען זיך באווײַזן, שוין אין טונקלקײַט און מיט פליגל מאטע, און נידעריק זיך האלטנדיק און אין לעצטער שײַן אין דער מידבער, איז ער צום ריז צוגעפלויגן, צוגעפלויגן און בא אים אָנגעפרעגט:

— וואָס באדארפסטו, ריז?

— ווי ווײַט איז נאָך צום ריזן־טורעם פרעגן.

— שוין נישט ווײַט און דו קאָנסט זיך גרייטן.

— צו וואָס?

— צו נאכט און צו נאכטלעגער, לייג זיך.

און אז דער ריז האָט זיך אוועקגעלייגט, אף דער לענג פון דער מידבער די פיס און גלידער אויסגעצויגן, די אויגן פארמאכט און פאמעלעך דעם שלאָף און מאכשאָוועס פון שלאָף זיך איבערגעגעבן, און אזוי אויך אײַנגעשלאָפן פאמעלעך, אזוי האָט זיך באלד אים כאָלעמען אָנגעהויבן: —דער פארלאָזטער בארג פון די געטער איז צוריק אופגעלעבט געוואָרן... אין דער הייך און אפּן שפּיץ



פון בארג האָט זיך א טעמפּל באוויזן, א נײַער און אן אופגעבויטער, א באנײַטער און ווי הײַנט צו א יאָנטעוו געעפנט... און איזן איז אפדערנאכט אצינד, און אין דרויסן איז טונקל און פינצטערלעך, נאָר אין טעמפּל אינווייניק איז ליכטיק און באלויכטן, און פון דאָרט און דורך די פענצטער די דאָרטיקע שײַנט דער יאָנטעוו אויך אף בארג און אין דרויסן ארויס... און איזן איז נאָך דערווײַל דער טעמפּל ליידיק, נאָר אָט ווײַזט זיך אף זײַן שוועל א איינער, א דינער און וואָס דעם טויער צעעפנט, און דעם טעמפּל פאר אָנקומענדיקע און פאר ארײַנגייענדיקע — זאָלן ארײַנגיין. און אָט ווײַזן זיך שוין אָנקומענדיקע פון בארג, פון אלע זײַטן און פון זײַן צופוסנס, דורך טרעפּ און דורך סטעזשקעלעך פארשידן, און אלע מיט ליכט אין די הענט, און אלע די ליכט פון ווינט און פון פארלעשן פארשטעלן: —מ׳גייט אוף און מ׳קומט צו פאר טעמפּל צו, און מ׳הייבט זיך צו זײַן ארײַנגאנג אוף, און מ׳גייט אויך שטיל אין זײַן אינווייניקסט ארײַן. און די אופגייענדיקע מערן זיך, און פרויען מיט קינדער גייען, און אלטע ווערן דורך יונגע געפירט, און אַלע קומען אין טעמפּלס באלויכטיקונג ארײַן, און אלע זײַנען זיך אהין מיט די ליכט צונויפגעגאַן. ווײַזט זיך אין טעמפּל און אַף א בימע־הייך, בא דער מיזרעך־וואנט און אנקעגן דער טיר־ארײַנגאנג, אן אלטער קויהען און אין ווײַסן אָנגעטון געהילט. שטעלט ער זיך שטיל פארן אוילעם פאָר, שטעלט ער זיך פאָר און זאָגט אזוי צום אוילעם: —

— אין נאָמען פון טעמפּל, און אין נאָמען פון די געטער פון טעמפּל ערקלער איך פאר ווידער אָפן און ווידער באנײַט דעם טעמפּל! דאָס האָבן מיר איינעם פון אונדז, אונדזערן א לעצטן און פון אונדזער שטאם א פארבליבענעם, צו פארדאנקען, דאָס האָט ער באגערט, דאָס האָט ער געגאַרט צו א באנײַונג, און אדאנק זײַן ווילן, און אדאנק זײַן גארן האָבן מיר זיך איצט צונויפגעזאמלט, האָבן מיר זיך איצט צונויפגעקומען אהער. לייג איך אײַך איצט פאָר: באערט דעם טעמפּל...

און דער אוילעם האָט דעם קויהען געהערט, דער אוילעם האָט זיך מיט די ליכט אין די הענט אף די קניִעס אראָפּגעלאָזט, און דער קויהען האָט אף זיי זײַנע הענט אופגעהויבן, און דער קויהען האָט אף

זיי שטיל מיספּאַלעל געווען, און דער אוילעם האָט שטיל געקניט, און אַף זיך און אַף די קעפּ זייערע די טפילע און איר שטילקייַט גענומען...

— און איצט, — האָט דער קויהען געזאָגט, — שטייט אוף און הערט.

און דער אוילעם איז פון קניִען אופגעשטאנען, דער אוילעם האָט זיך פון דער ערד אופגעהויבן, און אַלע האָבן אַפן קויהען געקוקט, און אַלע האָבן אַף זייַן וואָרט געוואַרט. און דער קויהען האָט זיך ווייַטער אָנגערופן, און דער קויהען האָט אזוי געזאָגט:

— אין נאָמען פון טעמפּל, און אין נאָמען פון די געטער פון טעמפּל שענקען מיר דעם גוטס־טוער אונדזערן א געשאנק אצינד, שענקען מיר אים צו זייַן כופּע־נאכט צוויי ליכט נישט־אָנגעצונדענע, פאר אים און פאר זייַן פּאָר, פאר אים און פאר דער ריזן־טאָכטער פון אים אויסדערווײלטער.

און דאָ האָט זיך דער קויהען פון בימע־טיש, וואָס איז פול מיט ברענענדיקע ליכט באשטעלט געווען, צוויי נישט קיין אָנגעצונדענע, צוויי נישט ברענענדיקע אראָפּגענומען: גרויסע און לאנגע, וועקסענע און מיט קנויטן נאָך נייַע, האָט ער זיי איןביידע הענט גענומען, האָט ער זיי צום אוילעם אויסגעשטרעקט, האָט ער אויסגערופן און ווידער געזאָגט: —

— זאָל ער צוגיין און זאָל ער זיי נעמען, אונדזער גוטס־טוער און אונדזער טעמפּל־אופריכטער, צו זייַן כופּע און צו זייַן נאַכט דער ערשטער, און אז ער מיט זייַן באשערטער, אז ער מיט זייַן פּאָר וועלן זיך פארייניקן, וועלן זיך דאן אויך די צוויי ליכט מיט די קנויטן צונויפגיין, וועלן זיי זיך אָנצינדן איינס באם צווייטן, וועלן זיי צו איין פייַער ווערן, וועלן זיי דאן צו מענטשן אָפּגעשיקט ווערן, וועלן מענטשן די ליכט דערזעען, וועלן זיי וויסן: אן אלטער שטאם איז צוריק אופגעריכט געוואָרן, אלטע געטער זייַנען צוריק צום לעבן געקומען, און די ריזן און די מישפּאָכע פון ריזן האָבן צוריק זייער מישפּאָכע און זייער געוועלטיקונג באקומען...

און דער ריז האָט דאָס אויסגעהערט, ווייַל דער ריז איז צווישן אוילעם געווען, האָט ער זיך ארויסגערוקט פון צווישן



אוילעם און צו פאר אלטן קויהען און פאר זייַן בימע־שטאנד גענעענט, האָט ער צו אים די הענט אויסגעשטרעקט און בא אים די ליכט צוגענומען און מיט זיי אַף צוריק זיך גערוקט.

און אָט, ווי דער ריז איז אזוי צוריק און מיט די ליכט געגאנגען, אזוי האָט ער דערזען: טונקל און אויסגעלאָשן האָט אין טעמפּל דאָס ליכטיקייַט גענומען ווערן, אויס יאָנטעוו און ווי עפּעס א טרויער האָט זיך אַף די ווענט אָנגעצויגן און אַפן גאנצן אוילעם האָט זיך ווי א טונקל שאָטן־אייַנגעהילטקייַט אראָפּגעלאָזט, און דער גאנצער אוילעם איז אין דער פינצטערלעך געבליבן, און די ליכט אין די הענט זייערע האָבן אייַנגיין און זיך אויסלעשן גענומען, און אויך די ליכט פון דער בימע — צו צאנקען און אייַנציִען זיך מיט שייַן. איז אין טעמפּל דאן שטיל געוואָרן. האָט מען אַף דער בימע דערזען: אַפן אָרט פונעם קויהען דעם פריִערדיקן איז איצט א מענטש און אן אייַנגעבויגענער, א פארהילטער און אין עפּעס א מאנטל א מין געשטאַנען, און זייַן פּאָנעם האָט מען נישט געזען, און אויך נישט זייַן קערפּער גאָר, און אויך זייַן קאָפּ איז אים פארדעקט געווען, און פון אונטער זייַן פארדעקטקייַט האָט זיך זייַן קאָל דערהערט, האָט זיך עס שוואך דערהערט און אזוי געזאָגט:

— און זאָל ער נישט מיינען, דער ריז, און זאָל זיך אים נישט אויסדאכטן, אז דאָס, וואָס ער זעט אצינד, איז געזען טאקע, און אז דאָס, וואָס ס׳קומט איצט פאר זייַנע אויגן פּאָר, געשעט טאקע און מיט אן עמעס... ס׳איז א כאָלעם נאָר און פון אים אן אויסטראכטעניש, ס׳איז זייַנס אן אויסווייַזונג און ווייַל ס׳ווילט זיך אים, און גערעכט איז דער וואָס איצטער רעדט, און רעכט געהאַט האָט קרעציקער, און ער זאָגט: צעטראָטן האָט ער אים, אָבער נישט זייַן עמעס, הערן וויל אים נישט, אָבער איזן איז אזוי...

און דאָ איז פון פאר די אויגן פון ריז דער גאנצער טעמפּל און אלץ, וואָס האָט פארפולט דעם טעמפּל, פארשוווּנדן געוואָרן, און דער אוילעם איז נישט געבליבן, און אַפן בארג האָט דאָס פריִערדיקע פּוסטקייַט געהערשט, און שטיל נאָר אין דער נאכט, און אַפן בארג־שפּיץ פונויבן איז שטיל דאָס געצעלט פון קרע־

ציקן, און נעבן דעם דער קרעציקער געשטאַנען... און דער ריז האָט אופגעציטערט, און דער ריז האָט זיך אופגעכאפּט.

— פויגל !— האָט ער א געשריי געטון.— ווו ביסטו ?

און אז דער ריז האָט איניינעם מיטן געשריי די אויגן אָן עפן געטון, אַון ארום זיך און ארום זײַן געלעגער ווײַט און אף אלע זײַטן זיך ארומגעקוקט, אזוי האָט ער אף אומעטום א גראָען פאַרטאָג נאָר געטראָפן, א שטילן און א מידבערישן, און קיינער איז לעבן זײַן געלעגער נישט געווען, און קיין באשעפעניש האָט זיך פון ווײַט נישט באוויזן, און אלץ נאָך געדרימלט, און אלעס נאָך — טויט געשוויגן. האָט דער ריז דאן נאָכאמאָל צום פויגל גערופן, גערופן און יענער האָט זיך אָנגערופן. איז ער צו פליִען געקומען, פון פארדרעמלטקײַט און פון פארגראָטקײַט ארויס, און ווי א פארשלאָפענער זיך פארן ריז פאָרגעשטעלט, האָט ער זיך פאַר אים באוויזן אזוי און בא אים „וואָס ער דארף" א פרעג געטון.

— א כאָלעם האָט זיך מיר געכאָלעמט.

— כ׳ווייס.

— און וואָס ?

— ס׳איז גאָרנישט.

— און די צוויי ליכט ?

— אָט זײַנען זיי !

און דאָ האָט דער פויגל אף נעבן א זײַט זײַנער אָנגעוויזן, איז שוין דאָרטן פון פארטאָג און ווי פון לאנג דאָרט ווידער דאָס קעמל געשטאנען, האָבן אף זײַנע צוויי האָרבעס צוויי ליכט זיך באוויזן, צוויי גרויסע און לאנגע, וועקסענע און נאָך נישט אָנגעצונדענע; זײַנען זיי איינס אנקעגן דאָס אנדערע געשטאנען, גלײַכע און אופגעשטעלט און איינס אנקעגן צווייטן פונקט, און שטיל אזוי זיי האלטנדיק און קעמלדיק אזוי די ליכט אף די האָרבעס טראָגנדיק, האָט דאָס קעמל ווי אפן ריז און אף זײַן פון דער־ערד־אופשטײַן ארויסגעקוקט, אף זײַן אופשטעלן זיך און אין וועג זיך לאָזן געווארט.

און דער ריז איז אופגעשטאנען, און פון נאכט און ליגן זיך אָפּגעטרייסלט, און דער פויגל איז שוין אין דער ווײַט אָפּגעפלויגן.



און אויך דאָס קעמל האָט זיך פון אָרט גערירט, און אויך דער ריז איז דאן פון זײַן אָרט אָפּגעגאן, אָפּגעגאן און צום טאָג און צום ווײַטער־גיין זיך געלאָזט.

און צום דריטן און צום לעצטן מאָל איז דער קרעציקער דעם ריז אין וועג געקומען. און געווען איז דאָס אזוי: נאָכדעם, ווי דער ריז איז שוין א צײַט אין וועג געהאט געווען, שוין די מידבער אין די ברייט געהאט דורכגעשפּאנט און באלד צום סאָף אירן און צום אָנהייב יאם און צום טורעם באַם יאם זיך דערנעענט, — אזוי האָט ער איינמאָל אינמיטן העלן טאָג אין דער מידבער א מידבער־בילד דערזעען: — און אָפּגעשפּיגלט, און אין העלער מידבער געבראכט און פאָרגעשטעלט האָט די זון פארן ריז: א גרויסע שטאָט, וואָס איז פול מיט מויערן געבויט געווען, און פול מיט גאסן איז די שטאָט, און פול מיט טומל און מיט מענטשן אין די גאסן, און מענטשן אײַלן זיך ערגעץ און איינס אנקעגן דאָס אנדערע קומען, און מענטשן מײַדן זיך אויס אין אײַלעניש, און מענטשן זײַנען שטארק באשעפטיקט אלע. האָט זיך פּלוצלים א פלאץ אין שטאָט אופגעעפנט, א גרויסער און א רײַזיקער, און וואָס א גרויסע מענגע קאָן זיך צונויפנעמען און זיך צונויפזאמלען אהין. איז דער פלאץ דערווײַל ליידיק און מיט קיינעם נישט פארנומען געווען און אופגעראמט און מיט ליידיקײַט איז געשטאַנען, און קיינער האָט זיך נישט געוויזן דאָרט. האָבן דערנאָך צו אים מענטשן אָנקומען גענומען, פון אלע זײַטן און פון אלע גאסן, וואָס פירן אהין, און פון אלע עקן און אויך פון הינטערגעסלעך ארויסצוקומען: — פריִער איינציקווײַז און בא די עקן זיך געהאלטן, דערנאָך געמערט זיך און אויך אין דער מיט ארײַן, און פאמעלעך־פאמעלעך דעם פלאץ אלץ אָנגעפולטער געמאכט, און אלץ מער און מער און צו א גרויס פארזאמלעניש געוואָרן. איז דער פלאץ פול און באדעקט געווען. און שווארץ פון מענטשן האָט ער אויסגעזעען, און א שווארץ פארפולעניש האָם די גרייס זײַנע פארנומען. האָט זיך דאן אין דער מיט אין זײַנער א הויך אָרט באוויזן. צי פון האָלץ און ברעטער געמאכט, צי פון זאמד אָנגעשיט — איז נישט צו זען געווען פון דאָרט, און אף יענעם אָרט, דעם אונטערגעהויבענעם, האָט זיך א מענטש

ארויסגערוקט און העכער פון אל דעם פארזאמלעניש האָט זיך אָנגעזעען. האָט דער מענטש א ווײַלע דעם אוילעם אויסגעווארט, א מינוט און צוויי און זיך איבערגעקוקט אין ווארטן, און דאַן, אום דעם אוילעמס אופמערקזאמקײַט צו זיך צו ווענדן, האָט אַ האנט אין דער הויך אופגעהויבן, אויסגעשטרעקט און אויסגערופן צום אוילעם:

— „אוילעם און פארזאמלונג גרויסע, א יאָנטעוו איז אונדז הײַנט אויסגערופן, א גרויס־געשעעניש האָט אונדז הײַנט צונויפ־געגומען, ווייסט: אַין דער מידבער האָט זיך א ריז באוויזן, אין דער מידבער האָט ביז אהער אן עלנטער געוווינט, און א לעצטער איז ער געווען, און איינער נאָר און א פארבליבענער, און איצט האָט זיך אים זײַן פּאָר געטראָפן, און הײַנט גייט ער מיט זײַן פּאָר זיך פּאָרן; און אופשטעלן מיינט א דאָר, ווי ער און ווי די אמאָליק־עלטערן זײַנע, און גרויסע ריזן ווען פון זײַנע לענדן ארויסגיין, און גרויסע ריזן וועלן אין יישעוו איצט אָנקומען, און א נײַ־געוועלטיקונג וועט איבער אונדזערע קעפ איצט הערשן. און הויך וועט דעם ריזס מעלוכע געבויט זײַן, און ביזן הימל וועט זי דערגרייכן, און די הויכע זון וועט פון הימל דערלאנגען אום מיט איר זײַן קאָפּ צו קרוינען. און געשיצט וועט איר זײַן און פון דער ריזן־קרוין באהיט, און קיין סוינע וועט אף אײַך נישט אָנפאלן, און קיינע פײַנט־כאיאָלעס וועלן אײַערע גרענעצן נישט אריבערטרעטן... הערט־זשע אויס און פארנעמט דאָס אלעס, הערט עס אויס און פרייט זיך מיט דעם געזאָגטן!“

און דער אוילעם האָט דאָס אויסגעהערט, און דער אוילעם האָט געשוויגן, און דער אוילעם האָט נאָכן מענטשנס רייד פון אָרט זיך נישט א ריר געטון, און קיינער האָט קיין קאָל נישט אופגעהויבן, און קיינער האָט קיינעם צו קיין פרייד־אויסדרוקן נישט געוועקט. איז מען אזוי שטיל געשטאנען, האָט מען אזוי געווארט אופגעהאלטן, און פּלוצלים — און פון דער מענגע ארויס האָט זיך א קאָל דערהערט, א קאָל אן איינציקס און וואָס ס'האָט איבערן גאַנצן פלאץ געקלונגען. געקלונגען און אויסגעשריגן: מיר דארפן אים נישט! מיר נייטיקן זיך אין



אים נישט! מיר ווארטן נישט אף אים, ער זאָל די זון פארשטעלן...

— מיר דארפן אים נישט! מיר ווילן אים ניט! — האָט זיך פון אלע עקן און פון אלע זײַטן און אויך פון דער מיט דער גרויסער און פון אלע מײַלער שוין געטראָגן, — מיר דאַרפן נישט, ער איז אונדז פרעמד, דער ריז, ער וועט איבער אונדזערע קעפּ טרעטן, ער וועט אונדזערע ביניאָנים כאָרעוו מאכן, ער וועט אונדז די זון פארשטעלן און אף אונדז א פינצטערניש שיקן, — מיר דארפן אים נישט!

אלע האָבן זיך צו דער ערד א בויג געטון, און אלע האָבן הויפנס ערד און הויפנס שטויב און שטיינער אָנגענומען, און אלע האָבן זיך מיט די אָנגעפולטע הויפנס צו דעם מענטשן, וואָס איז אפן הויכן אָרט געשטאנען, געווענדט, געווענדט און אויסגערופן:

— ווו איז ער? — האָבן אלע אין איין קאָל און אין איין ליארעם־אויסרופן געשריגן.

— אָט! — האָט זיי דער מענטש אפן ריז און וואָס איז דאַן אין דער מידבער געשטאנען, אָנגעוויזן — אָט איז ער און טוט מיט אים, אָט איז ער און אין די הענט אין אײַערע!

און דער אוילעם האָט ווארפן גענומען, שטיינער געשאָטן און שטויב געשטויבט, און א גרויסער טומל איז צווישן דער מענגע געוואָרן, און איינער האָט אפן אנדערן אָנגעטראָטן, און איינער האָט דעם אנדערן געשטויסן, און אלע האָבן זיך צונויפגעדרענגט און אָנגעלאָפן איינער אפן צווייטן, און אלע האָבן זיך אלץ נעענטער און נעענטער צום ריז געריסן, און פלוצלים — און אָפּ־געטון האָט זיך דאָס זעונג, און נישט געבליבן איז דער אוילעם, און דער פלאץ איז ליידיק געוואָרן: אָפּגעראמט און אָן קיינעם, אויסגעליידיקט און קיין נעפעש נישט צו זען, און נאָר אפן אָרט אפן הויכן איז איינער אליין און דער פריִער־אויסרופער געשטא־נען און פּאָנעם צו פּאָנעם מיטן ריז זיך איבערגעקוקט, און, שטיל אזוי זיך איבערקוקנדיק, געשוויגן און אליין אפן פלאץ נאָר ביידע. איז ער איצט אליין געווען, דער אויסרופער, האָט ער איצט עפּעס טרויעריק און ווי נאָך עפּעס פארלירנדיק אויסגעזען,

האָט ער זיך נאָך זײַן שווײַגן און אופהאלטן געווענדעט צום ריז, האָט ער זיך צו אים אָנגערופן און אזוי געזאָגט: —

— ריז, וווּהין גייסטו? און וווּהין זײַנען דײַנע טריט אָנגעריכט?

— אהין, וווּהין דער פויגל רופט — האָט דער ריז געענטפערט.

— נאָך וואָס?

— די אלטע ריזן־קויכעס צו דערוועקן און דעם יִשעוו מיט מאכט באַגליקן.

— ווער דארף עס?

— איך וויל עס און איך מוז עס!

— און דער אוילעם?

— איז דעם קרעציקנס!

און דאָ האָט זיך דער מענטש, וואָס פאר ריז, צו פארהילן און ווי זיך אין עפּעס אײַנדעקן גענומען, דאָס פּאָנעם און דעם קאָפּ באַגראָבן און אין זײַן קלייד זיך באַהאלטן... איז שוין דאן פארן ריז זײַן אלטער און זײַן באַקאנטער, דער קרעציקער און דער פריִעריקער, אין זײַן אײַנגעבויגנקײַט און אין זײַן אײַנגעהילטקײַט געשטאנען, און דער ריז האָט צו אים א שפּאן געטון, און דער ריז האָט מיט קאס און עקל אף אים א גיי געטון... איז דער קרעציקער נישט געבליבן, און אויך דאָס גאנצע זעוּנג אין דער מידבער איז באַלד פון פאר ריז און פון אויג אים פארשווּנדן, און נישט די שטאָט איז געבליבן, און נישט די גאסן אין שטאָט, און יעדער שפּור פון זיי איז פארלויִרן געגאן, און — אין מידבער איז דאן שוין פארנאכט געווען, און אז דער ריז האָט זיך נאָכן שפּאן ארומגעקוקט, און נאָכן גיי צום קרעציקן, ווי די אויגן געעפנט, אזוי האָט ער פאר זיך שוין די מידבער און באַ איר אויסגאנג דערזען... און מיט יאם האָט אף אים א שמעק געטון, און באַלד האָט ער פון יאם דעם ברעג באַמערקט, און אפן ברעג איז א טורעם געשטאנען, אן אלטער און א פארעלטערטער און מיט פענצטער, וואָס האָבן אי צום יאם אי צו מידבער געקוקט... איז שוין דאן פארנאכט געווען און אפן טורעם־שפּיץ האָט א פאָן געפאָנט און די פאָן האָט גערופן, און די פאָן האָט אין טורעם ארײַן אײַנגעלאדן, און דער ריז האָט



זיך געלאָזט אהין, און דער ריז האָט צום טורעם זײַנע טריט אָנגעריכט...

האָט ער דאן דערזען: — און דער פויגל איז צו איינעם א טורעם־פענצטער צוגעפלויגן, און מיט פליגל מידע אין א שויב דאָרט אָנגעקלאפּט. האָט זיך דאָס פענצטער געעפנט. האָט זיך פון דאָרט א קאָפּ ארויסגערוקט, א גרויסער און א זעלטענער, א טורעם־טאָכטערדיקער און וואָס לאנג אף עמעצן פון דער מידבער ווארט. האָט ער זיך באַוויזן און זיך צעשטראַלט, און צום אָנקומענדיקן און זיך ווײַזנדיקן ווי זיך א ריס געטון אנקעגן. האָט אים דער ריז דערזען, און דער יאם איז רויִק געווען, און באַם אָנהייב, און באַ ברעג באַ זײַנעם איז אויך דאָס קעמל און פון דער מידבער אָנקומענדיק געשטאנען, געשטאנען און מיט די ליכט אף די האָרבעס, מיט די גרויסע און מיט די שווײַגנדיקע, מיט די וועקסענע און די נאָך נישט אָנגעצונדענע קיינמאָל.

איז דער ריז דאן אין טורעם ארײַן. און ווי ער האָט זיך מיט דער טורעם־טאָכטער באַגעגנט, האָט קיינער נישט געזען, און ווי זיי האָבן זיך באַקאנט צום ערשט, איז קיינער נישט געווען דערבײַ. ווײַל א כיידער אין א כיידער האָט זי געהאט, און אין יענעם כיידער איז זי נישט געקומען קיינמאָל, און יענץ כיידער איז פון אלעמאָל אָפּגעשלאָסן געשטאנען, און נאָר אף דעם פאל באַ איר אָנגעגרייט געווען. און א טיש און א לאָמפּ איז דאָרט געשטאנען, און דער לאָמפּ האָט זיך נישט אָנגעצונדן קיינמאָל, נאָר הײַנט און צום באַגעגעניש האָט געברענט צום ערשטן.

זײַנען זיי ארײַן. און א שאָ איז אוועקגעגאן — און זיי זײַנען דאָרט שטיל געווען, און נאָך א שאָ — און זיי האָבן זיך אלץ געזאָמט... און די נאכט איז אָנגעקומען און אפן הימל האָבן זיך שטערן געוויזן, און די נאכט איז צוגעפאלן — און דער טורעם און דער לאָמפּ פון טורעם האָבן מיט גרויסן יאָנטעוו־ליכט געלויכטן... און שפּעטע נאכט האָט דערגרייכט — און דער יאם האָט פון שלאָף גערעדט, און דאָס קעמל איז באַם ברעג געשטאנען און האָט זיך צום יאמס רייד צוגעהערט, און דאָס קעמל האָט די פיס אין וואסער גענעצט, און אפן טורעם און אף דעם לאָמפּ פון דאָרט געווארט... האָט ער זיך לעסאָף אויסגעלאָשן, דער לאָמפּ...

און שטיל איז דאָרט געוואָרן, און דער טורעם איז אלט און פארעלטערט געשטאנען, און דאָס פינצטערניש, ווי באַנײַט הײַנט אָבער, און ווי קיינמאָל נישט פינצטער געוועזן ביז אהער... און דער יאם האָט געזיפצט, און דער יאם האָט מיט קויכעס געאָטעמט. און דאָס קעמל איז שטיל געשטאנען, און דאָס קעמל האָט אף סאָף־נאכט ארויסגעקוקט. האָט זיך דאן אויך אויסגעלאָזט די נאכט. האָט זיך אפן הימל דער שטערן פון פרימאָרגן באַוויזן און אף יאם און אף מידבער אראָפּגעקוקט. און ביידע אײנײנעם מיט איין בליק און מיט איינע כסאָדים געבענטשט... האָט זיך פון טורעם דאן א פענצטער געעפנט, א פענצטער און וואָס צום יאם קוקט ארויס, און עפּעס א קאָל האָט זיך אפן ברעג און אפן וואסער דערהערט:

— די נאכט איז אריבער און מיט מאזל אונדז די נאכט, און אויך פאר ליכט און אף די האָרבעס באַם קעמל איז די צײַט שוין געקומען...

האָבן זיך דאן די ליכט, וואָס אף די האָרבעס באַם קעמל איינס צום אנדערן צוגעבויגן. האָבן זיי זיך דערנעענט איינע צום צווייטן, און דער מאָרגנשטערן האָט דאָס צוגעזעען, און דער מאָרגנשטערן האָט זיי פון הימל שײַן אראָפּגעשײַנט, און ביידע קנויטן האָבן זיך אָנגעצונדן, און ביידע קנויטן האָבן זיך אין איין פײַער פאראייניקט, און — דאָס קעמל איז פון וואסער ארויסגעגאן און פון יאם־ברעג ארויסגעשפּאנט, און אזוי, און מיט די ליכט שוין ברענענדיקע, און אזוי, אין פארטאָג דעם שטילן, האָט זיך עס מיט דעם פּאָנעם צו דער מידבער און צום וועג אהין געווענדעט, און מיטן געדאנק אויך א ו י ס ע ר מידבער און מיט ליכט און בסורע אין יִישעוו אָנצוקומען...

און אף אָט דעם קעמל ווארט איך דאָ, אף אָט דעם קעמל קוק איך ארויס באַ גרענעץ, און שוין א צײַט, אז ס׳גייט אין דער מידבער, און צײַט שוין קומען דעם.

אזוי דערציילט די בריִע.



# אין ווײַן־קעלער.

— און אז דער טרעגער, וואָס אונדזער ערד און וועלט אף זײַנע אקסל טראָגט, ווערט אמאָל מיד זי צו טראָגן, גיט ער זי א צווייטן, זײַנעם א פרײַנט, א ליידיקגייער, איבער, און אליין לאָזט זיך אין שענק אוועק...

אן אפדערנאכט אמאָל, ס׳איז פינצטער און אומהיימלעך, קומט ער אין א גרויסער שטאָט, וואָס צו גאָט און צו מענטשן, אָן. דאָרטן איז נעבן א גאס א רוישיקער א הינטערגאס און פון מענטשן אָפּגעטון פאראנען. ליגט דאָרט אין א מויער איינעם א סקלאד־קעלער צופוסנס, פירן אין קעלער ארײַן עטלעכע טרעפּעלעך אראָפּ. טרעפט מען זיך דאָרט אין א שטוב א נידעריקער, אין אן אלטער און מיט צימערן אייניקע, און די ווענט אין די צימערן זײַנען מיט עפּעס א שווארצן לאק א גלאנציקן באַשמירט, און אף די ווענט די שווארצע — אלטע בילדער עפּעס רויט־געפארבטע הענגען. שטייען אין די צימערלעך אלטע טישן נאָך פון אמאָל פארבליבענע, פּראָסטע הילצערנע און נאָר ווײַס גערייניקט, און באַ די טישן בענק אלטע, אויכעט פּראָסטע און לאנגע, און וועד־ליק אייניקע מענטשן זאָלן זיך אף זיי זעצן, און די צימערלעך זײַנען נידעריקע, און פון די ווענט קוקן אף זיי די אלטע בילדער מיט אמאָליקע שיקורים, גרויסע לײַט און היגע באַזוכער אראָפּ.

קומט אהין דער וועלט־טרעגער צו גיין אינאָוונט, און די צימערלעך זײַנען שוין פארנומען, און באַ יעדן טיש פּאָרן, מאנסבלען מיט פרויען זיצן, און אין איינעם א צימער נאָר מאנסבלען געפינען זיך, געפינט ער זיך דאָרט אן אָרט באַ א טיש, זעצט זיך אוועק און הייסט דעם דינער זײַנעם א ווײַן זיך